

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

**פרשת עקב**

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### די וויכטיגקייט פון שטענדיג געדענקען חסדי ה' און דאנקען אויף דעם

**וְזָכַרְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל... וְהָיָה אִם שָׁכֹחַ תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וְהָלַכְתָּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לָהֶם.** (ח, יח-יט)

איז דער רבי מסביר; די תורה קומט דא מעורר זיין אז א איד זאל שטענדיג געדענקען אז אלעס וואס ער האט - קומט פונעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער גיבט אים די כח צו שאפן פארמעגן און מצליח זיין. דאס ברענגט צו אז מ'זאל אלעמאל געדענקען דעם אויבערשטן, און אים מכיר טובה זיין אויף אלע גוטס וואס ער גיבט.

איז דער רבי ממשיך: פון די ערשטע תחבולות היצר איז צו מאכן דעם מענטש פארגעסן אז דער אויבערשטער שענקט אים זיינע כוחות און הצלחות. ווייל דער יצר הרע ווייסט אז ווילאנג א מענטש פילט הכרת הטוב צום אויבערשטן וועט ער אודאי נישט עובר זיין אויף זיינע מצוות. ממילא טוט ער וואס ער קען נאר צו מאכן דעם מענטש פארגעסן אז דער רבש"ע איז דער וואס גיבט אים אלעס.

לייגט צו דער רבי, אז וועגן דעם שטייט גלייך נאכדעם אין פסוק "**והיה אם שכח תשכח את ה' אלקיך**" אז אויב א מענטש וועט ח"ו פארגעסן פון דעם, וועט עס אים צוברענגען צו "**תשכח את ה' אלקיך**" אז ער זאל ח"ו אינגאנצן פארגעסן פונעם אויבערשטן, "**והלכת אחרי אלהים אחרים**" און ער זאל ח"ו אנקומען ביז כפירה בעיקר ר"ל. ווייל אויב ס'פעלט הכרת הטוב צום אויבערשטן קומט מען חלילה אן ביז צום ערגסטן. און דער רבי פירט אויס: "**הָא לָמַדְתָּ שֶׁזְּכִירָה זוֹ גֶּדֶר גָּדוֹל לַעֲבוֹדַת ה' - וּמֵחֶסְרוֹנָהּ יַדִּיחֶנּוּ הַשָּׂטָן מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה לְמַטָּה מִמֶּנָּה**".

אזוי שרייבט דער רבי אויך אין פרשת בראשית אויפ'ן פסוק (בראשית ב, לא) "**וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד**", אז ביים זעקסטן טאג - נאך די בריאה פון אדם הראשון - שטייט אז אלעס וואס דער אויבערשטער האט באשאפן איז זייער גוט. ווייל נאר דורך א מענטש - דערקענט זיך די גוטס פונעם אויבערשטן, ווייל דער מענטש האט שכל מכיר צו זיין אין די גוטס, און ער דאנקט דעם רבש"ע אויף דעם. **און אָן א מענטש וואס איז מכיר אין די גוטס פון דעם - האט נישט די גאנצע בריאה קיין שום תועלת!**

שרייט ארויס א געוואלדיגע מוסר השכל; די גאנצע וועלט האט דער אויבערשטער באשאפן נאר צוליב דעם מענטש, און די גאנצע תכלית פון באשאפן דעם מענטש איז - **אז ער זאל מכיר זיין אין די טובות פונעם אויבערשטן און אים דאנקען אויף דעם!**

אין פרשת קרח איז דער רבי מגלה די טיפע משמעות דערפון מיט מורא'דיגע דיבורים וואס גיסט אונז אריין הויפענעס פון חיזוק, וזה לשון קדשו: "**הַשִּׁיר וְהַשֶּׁבַח הָעוֹלֶה מֵהַנְּשָׁמוֹת אֲשֶׁר הֵם בָּעוֹלָם הַזֶּה, אֲשֶׁר הֵם תּוֹךְ הַבָּשָׂר וְהוּא מוֹנְעָם מֵהַכִּיר ה', וְהֵם מִתְעַצְּמִים לֶאֱהֹב ה' וּלְשַׁבְּחוֹ וּלְהוֹדוֹת לְמַאֲמָרוֹ, זֶה עֶלְיוֹן וְחָשׁוּק אֵצֶל הַבּוֹרֵא לְמַעְלָה מֵהַכֹּל!**" טאקע דערפאר, ווייל א מענטש געפונט זיך אין א נידעריגע גוף וואס האלט אים אפ פון דערקענען דעם אויבערשטן, און דער מענטש איז זיך מתגבר יא ליב צו האבן דעם רבש"ע און אים דאנקען און לויבן, וועגן דעם איז די שירה און דאנק פון א מענטש די חשוב'סטע זאך ביים אויבערשטן, העכער ווי די שירת המלאכים און ווי די שירה פון נשמות הצדיקים.

די זעלבע געדאנק זאגט דער רבי אויך אין פרשת ויחי, ווען יוסף הצדיק האט געזאגט פאר יעקב אבינו (בראשית מח, ט) "**בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים בָּזֶה**", אז יוסף האט מדגיש געווען אז זיינע קינדער **האט אים דער אויבערשטער געגעבן**. ווייל דער דרך הצדיקים איז, אז ווען זיי רעדן פון א גוטע זאך וואס זיי האבן - שענקען זיי גלייך כבוד פאר'ן אויבערשטער אז ער איז דער וואס האט עס זיי געגעבן!

און אזוי האט אויך יעקב אבינו געטון ווען עשו האט אים געפרעגט אויף זיינע קינדער "**מי אלה לך**"? האט יעקב אבינו געענטפערט: (בראשית לג, ה) "**הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹקִים אֶת עַבְדֶּךָ**", צו געדענקען אז אלעס איז נאר א מתנת חנם פונעם אויבערשטן. ווייל אזוי טוט מען שטענדיג דאנקען דעם רבש"ע אויף זיינע חסדים, און מ'איז נישט כופר אין אים ח"ו.




## פניני חיים

פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע שיינע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן.** (ז, יב)

"**והיה**" איז א לשון **שמחה** (ויקרא רבה יא, ז) "**עקב**" מיינט די **סוף** און תכלית. די תורה קומט דא זאגן, אז א מענטש האט זיך נישט אמת'דיג וואס צו פרייען, נאר ווען ער איז זוכה מקיים צו זיין די גאנצע תורה - אלע עשה'ס און אלע לא תעשה'ס. אז נישט, איז זיין שמחה נישט אמת'דיג. אזויווי שלמה המלך זאגט (קהלת ב, ב): "**ולשמחה מה זו עושה?**"

דאס איז פשט "**והיה**" - אן אמת'דיגע שמחה וועסטו נאר האבן "**עקב**" - אז דו וועסט אנקומען צום תכלית פון "**תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אתם**" - אז דו וועסט אפהיטן די מצוות התורה - סיי עשה'ס און סיי לא תעשה'ס, נאר דעמאלט קענסטו זיין אמת'דיג פרייליך.

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.** (ז, יב)

חז"ל זאגן (סוטה כא.) אז די תורה איז מגנא ומצלא מן החטא. ווער ס'לערנט תורה איז דאס פאר אים א שמירה נישט דורכצופאלן ח"ו מיט קיין עבירות. אזוי האט די תורה אויך א כח צו ברענגען דעם מענטש מקיים צו זיין די מצוות [ווייל אז מ'לערנט ווייסט מען וואס מ'דארף מקיים זיין].

דאס איז די הבטחה וואס שטייט דא, "**והיה עקב תשמעון**" - אז דו וועסט לערנען און פרובירן צו פארשטיין די תורה, וועט דיר די לערנען גורם זיין "**ושמרתם**" - אז דו זאלסט זיין אפגעהיטן פון זינד, "**ועשיתם אתם**" - און אז דו זאלסט קענען מקיים זיין אלע מצוות.

**וְהֵסִיר ה' מִמְּךָ כָּל חֹלִי וְכָל מַדְוֵי מִצְרַיִם הָרָעִים אֲשֶׁר יָדַעְתָּ לֹא יְשִׂימָם בָּךְ.** (ז, טו)

"**והסיר**" איז משמע אז א מחלה וואס איז שוין געקומען וועט דער אויבערשטער **אוועקנעמען**, און "**לא ישימם בך**" מיינט אז דאס וועט **לכתחילה נישט קומען**, איז דאך לכאורה א סתירה?

נאר חז"ל זאגן (כתובות ל.) "**הַכֹּל בִּידֵי שָׁמַיִם חוּץ מִצִּנִּים פַּחִים**", אז אלע מחלות ווערן נגזר פון הימל, חוץ פון היץ און קעלט - וואס ווענדעט זיך אינעם מענטש אליין, ער קען און ער דארף זיך היטן פון דעם.

וועגן דעם זאגט די תורה "**והסיר ה' ממך כל חולי**" אז דער אויבערשטער וועט אוועקנעמען פון דיר אלע קראנקהייטן, דאס רעדט כלפי די מחלות וואס איז תלוי **אינעם מענטש**, אז אפילו ער האט זיך נישט געהיטן און ער האט געכאפט אזא קראנקהייט, וועט עס דער אויבערשטער אפטון פון אים. און "**לא ישימם בך**" רעדט אויף די מחלות וואס איז תלוי **בידי שמים**, אז דער אויבערשטער וועט דיר עס לכתחילה נישט געבן.

## אגדה וחסידות

# ועשית לך ארון עץ

**וְעָשִׂיתָ לְּךָ אֲרוֹן עֵץ.** ועשית לך ארון עץ, פירוש, לצד שהם מעשה ידי אדם צריכין מקום מוכן להנתן בו, מה שלא צוה ה' כן לעשות ארון ללוחות הראשונים. והטעם, כי הם עומדין בעצמן, ולא היו צריכין ארון לבד מארון שעשה בצלאל, ועיין מה שכתבתי בפסוק 'ואתפוש' (לעיל ט, יז) (י א).

### הלוחות הראשונות לא היו צריכים ארון

רבינו מפרש הטעם שלא נאמר למשה לעשות ארון עץ כדי להניח בו את הלוחות הראשונים ורק בלוחות האחרונים נאמר לו ציווי זה [והיינו לפי שיטת רש"י כאן שמשה נצטווה לעשות ארון נוסף לשים בו את הלוחות - מלבד הארון שבצלאל היה עתיד לעשות בשעת בניית המשכן וכליו, אמנם לפי שיטת הראב"ע והרמב"ן שארון זה הוא אותו ארון שבצלאל נצטוה לעשותו, מעיקרא לא קשיא מידי]. לפי שבלוחות הראשונים שניתנו לפני חטא העגל - היה **כח רוחני של קדושה שהעמיד אותם באויר**, וכמו שנראה מלשון הכתוב לעיל "ואתפוש בשני הלוחות" - שמתחילה משה לא היה צריך לתפוש את הלוחות בידיו, והלוחות העמידו את עצמם והיו גבוהים למעלה מידיו, וכענין שאמרו חז"ל (סוטה לה, א) על הארון שהיה נושא את נושאיו. וכיון שהם נשאו את עצמם לא היו צריכים להנתן בשום מקום, ורק לאחר שחטאו במעשה העגל הוסר מהלוחות כח קדושתם [ראה ילקוט שמעוני כי תשא (רמז שצא): 'וישבר אותם תחת ההר, נסתכל משה בלוחות וראה שפרח הכתב מעליהן, והשליכן מידיו']. והוצרך משה לתפשם, ומטעם זה רק בלוחות האחרונים נצטוה משה לעשות ארון עץ להניחם בתוכו.

יסוד פירוש זה כתב כבר **הרמ"ע מפאנו** זי"ע בספר 'עשרה מאמרות' (מאמר חקור דין ח"ב פרק טז) וזה לשונו: 'לולא סרחנו בעגל לא הוצרכו [הלוחות] ליגנז בארון, אלא **ידיו של משה** היו להם תשמישי קדושה לכסא כבודם ומושב יקרם'.

הנה בדברי רבינו מבואר שלגבי הארון שעשה בצלאל אין חילוק בין הלוחות הראשונים ללוחות האחרונים, ואף הלוחות הראשונים היו צריכים להנתן בארון זה. אמנם בספר **'מכתם לדוד'** מהגאון מבראשוב זצ"ל (בעל שו"ת 'אפרקסתא דעניא') העיר על כך, שלפי מה שאמרו חז"ל שהמשכן נעשה כדי לכפר על מעשה העגל (וכ"כ רבינו בפר' תרומה שמות כה, ב), א"כ לכאורה לא היה צריך רבינו לחלק בין הארון שעשה בצלאל לארון שעשה משה, והיה אפשר לומר שהלוחות הראשונים לא היו צריכים להנתן אף בארון שעשה בצלאל, שהרי רק מחמת חטא העגל נצטוו על עשיית הארון.

[ובאמת מדברי הרמ"ע מפאנו נראה כן, שהלוחות הראשונים לא היו צריכים להנתן אף בארון של בצלאל. אמנם לכאורה אפשר ליישב בפשטות את דברי רבינו, שאע"פ שהמשכן וכליו נועדו בכדי לכפר על מעשה העגל, מכל מקום יש הבדל גדול בין הארון שנצטוה משה רבינו לעשות לבין הארון שעשה בצלאל, שכן הארון של משה רבינו נעשה כתוצאה מהירידה בדרגת הקדושה של הלוחות, וכמו שפירש רבינו, משא"כ המשכן וכליו והארון של בצלאל, אף שהציווי עליהם בא כתוצאה מחטא העגל, מכל מקום כדי שעל ידם יתוקן הפגם זכו בני ישראל במעלות גבוהות וגדולות במשכן וכליו, וכמו שאמרו במדרש שהמשכן הוא תכלית מעשה שמים וארץ, וכמו כן יש לומר על ארון העדות שבא לתוספת מעלה וחשיבות ללוחות ולא מחמת חסרון כל שהו, (וכעין מה דאיתא בזוה"ק 'ארון דא שבת'), וממילא אפשר לומר שאף הלוחות הראשונים היו ראויים להנתן בו].

### הלוחות היו למעלה מן המקום

א. ביאור השייכות בין מה שהלוחות הראשונים היו מחזיקים את עצמם - לבין מה שלא הוצרכו להניחם בארון, נתפרש בקצרה ב**שפת אמת** (עקב תרנ"א), שהלוחות הראשונים היו מעשה אלוקים, ועל כן הם לא תפשו מקום טבעי וגשמי, וכפי שנשמת האדם איננה תופסת מקום בגופו, כמו שאמרו בגמרא (מגילה י, ב) על מקום הארון שאינו מן המידה. ומטעם זה הלוחות העמידו את עצמם באויר, לפי שדבר רוחני איננו זקוק להיות מונח במקום מסויים, ולפיכך לא היה גם כל צורך להניחם בארון, שכן ארון מיועד רק לחפץ גשמי התופס מקום מוגבל.

ועומק המשמעות בזה שלפני החטא לא תפשו הלוחות מקום טבעי, נתפרש ב**אמרי אמת** (כי תשא תרצ"ב) על פי לשון הכתוב (ירמיהו לא, לב) **"נתתי את תורתי בקרבם ועל לבם אכתבנה"**, דהיינו שלפני החטא מקום התורה היה בתוך פנימיות הלב של בני ישראל, ועל כן התורה לא תפשה מקום גשמי מוגבל, ולא היה צורך להניחה בארון.

### לפני החטא היה אור התורה בגלוי

ב. עוד כתב ה**שפת אמת** (פקודי תרנ"ה ד"ה בפסוק אלה; תרומה תרנ"ד ד"ה במדרש עלית; יתרו תרנ"ד ד"ה בענין; כי תשא תרנ"ו) בביאור דברי רבינו שהלוחות הראשונים לא היו צריכים להנתן בארון, שהנה בתורה הק' יש את חלק האותיות הנגלים לכל, ויש את החיות הפנימית ואור התורה הגנוזים באותיות, וכמו שדרשו חז"ל (אבות ו, ב) על הפסוק (שמות לב, טז) 'והמכתב מכתב אלוקים הוא חרות על הלוחות' - 'אל תקרי חרות אלא חירות', 'חרות' היינו האותיות הכתובות בתורה, ו'חירות' היינו האור הפנימי שבהם שהוא למעלה מן הטבע [כמבואר בזוה"ק שחירות היא מידת 'בינה', שהיא המידה השמינית למעלה משבע המידות שבטבע]. ובתחילה קודם שחטאו ישראל היה אור התורה מאיר בהתגלות ללא מסך וכיסוי, והתורה היתה באופן של למעלה מן הזמן והטבע, ועל כן הלוחות נשאו את עצמם, וכמו כן הם לא היו צריכים כיסוי של ארון, אבל כאשר חטאו בעגל ונפלו ממדריגתם נגנז האור באותיות התורה, ועל כן היה צריך לתפוש את הלוחות בידיו, וכן היה צריך להצניע את הלוחות ולתתם בארון, לפי שאור התורה נהיה מוסתר ונעלם.

ראה גם ב**תרגום יונתן** להלן (פסוק ה) על לשון הכתוב 'ואשים את הלחת בארון אשר עשיתי ויהיו שם', 'ושוויית ית לוחיא בארונא דעבדית **והוו תמן צניעין'**. ורואים מדבריו ג"כ שהארון נעשה כדי להצניע את הלוחות.

ובזה פירש ה**שפת אמת** מה שאמרו במדרש (שמות רבה ל, ה): 'כי ימכור איש את בתו לאמה, בת אחת היתה לי ומכרתיה לכם, שאין אתם מוציאין אותה אלא חבושה בארון'. 'בת אחת' היינו אור התורה הק' שנמצאת בשביה אצלנו כאשר היא מוסתרת וגנוזה באותיות התורה, ומוציאין אותה 'חבושה בארון' רומז לחיות הפנימית של התורה, המוסתר וחבוי באותיות התורה. והקב"ה מבקש מישראל לגלות את ההצנע וההסתר של אור התורה.

וכעין פירוש זה שמחמת חטא העגל נגנז אור התורה שהאיר בלוחות, כתב **הרמ"ע מפאנו** לגבי דקדוקי ופרטי התורה, שמתחילה כולם היו כתובים על הלוחות, ורק מחמת חטא העגל נגנזה כל התורה שבעל פה בתורה שבכתב, וכלשונו הק': 'ואילו זכינו שמשה רבינו עליו השלום ילך לפנינו מעילוי לעילוי ולוחות עדות על שתי ידיו, הנה אז כל תלמיד ותיק הקרב-הקרב היה רשאי להסתכל ולהתבונן בהם, ועיניו רואות כפי כחו דקדוקי תורה חרותים עליהם, שהכל נאמר למשה בסיני'.

### מתחילה נפשם היתה נקיה וטהורה ויכלו לקבל את אור התורה בלי לבוש

ג. בספה"ק **קדושת לוי** (להרה"ק מבארדיטשוב זי"ע, פרקי אבות ופר' כי תצא, נלקט מספר 'שמועה טובה') נתפרש ג"כ שהלוחות נגנזו בארון משום שלאחר החטא נגנז אור התורה, אך בדבריו נתבאר גם מדוע החטא גרם את גניזת אור התורה, וזו לשונו הק': 'ראו מה עבירה עושה, ואיך החטא הוא מחשיך הנפש ומונע ההשגה האמיתית, עד שהוצרך הוא יתברך לאמר לי "ועשית לך ארון עץ", רצה לומר תיק ונרתיק ולבוש אל קדושת הלוחות הנעשות, בכדי שתוכלו לסבול ערך יקר קדושתם, מה שלא נצטויתי בלוחות הראשונות, כי אז הייתם נקיים וטהורים מוכנים לקבל קדושת הלוחות ואור תורה הק' פנימיותה מבלי לבוש, ועתה הוכרחתם לקבל התורה מלובשת בלבושים שונים הנרמזים בארון עץ'.

וכן איתא בספר **פנים יפות** בפרשת כי תשא (שמות לד, א): 'לאחר החטא לא היו יכולין לקבל אלא על ידי מעשה משה, ואף בזה לא היו יכולין לקבל אלא על ידי ששם אותם בארון, כדכתיב ועשית לך ארון עץ'.

ומבואר מדברי **הרה"ק מבארדיטשוב** זי"ע, שהטעם שעל ידי החטא נגנז אור התורה באותיותיה, היינו משום שקודם החטא נפשם היתה זכה וטהורה, והיו יכולים לקבל את קדושת התורה בלי שום מלבוש והסתר גשמי, ורק כאשר חטאו ונשמתם התכסתה בלבושים גשמיים עכורים, התורה גם כן נהיתה מוסתרת בלבוש גשמי של האותיות.

### אור השבת בא לישראל בגילוי כמו קודם החטא

ד. ב**אמרי אמת** (שם) כתב, שלפי מה שאמר זקנו בעל חידושי הרי"ם שהאותיות של מצות שבת לא פרחו מן הלוחות, ולגבי קדושת שבת נשארו הלוחות באותה בחינה שהיו מלפני חטא העגל [וכן הובא בספר **קדושת אהרן** (סאדיגורא) דאיתא כן במדרש ישן, ורמז לדבר, ממה שאומרים בתפילת שבת 'וכתוב **בהם** שמירת שבת', דהיינו בלוחות הראשונות והשניות. ובאופן אחר כתב הטעם, לפי ששמור וזכור בדיבור אחד נאמרו, ויחד עם 'שמור' שנכתב בלוחות האחרונים נשאר גם 'זכור' מלוחות הראשונים]. נמצא שמה שכתב רבינו שלאחר החטא הוצרכו הלוחות להיות מונחים בארון, ומקודם לכן לא היו זקוקים למקום טבעי וגשמי, דברים אלו לא נאמרו לגבי מצות שבת, ואף לאחר שחטאו ישראל בעגל - קדושת השבת שוכנת בלבות בני ישראל, ואור השבת מאיר בנשמותיהם כמו קודם החטא.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# עובר ארחות ימים

## המשך תיאור מחלק ממסעו הארוך והנעלה של רבינו לעלות לציון ברינה

בעודם בים, בליל שבת קודש אור לט' באב, סער הים ונחשול גדול איים להטביע את הספינה, עד כדי שכל הכלים שהיו בספינה נשברו מעוצמת הטלטולים. בחצות לילה, העביר ה' רוח שקטה על הים ונח הים מזעפו. למחרת, ליל תשעה באב, עברו בסמוך להר געש גדול, ובעיניהם ראו את נפלאות הבריאה.

לא מן הנמנע שהיה זה 'הר אטנה', הר הגעש הגדול בעולם ומהפעילים ביותר שבהם. רבי אברהם ישמעאל סנגויניטי תיאר את מראהו במלים הבאות: "וסביבות ההר אין שום ספינה הולכת, לפי שמשליך ההר אבנים גדולות כל הימים. וכל היום עולה עשן ולפידי אש ממנו, ובפרט בלילה מוסיף והולך, והלפידים של אש שעולים ממנו עולים עד ד' אמות ויותר ונופלים הגחלים לים. וכן עושה כל הלילה וכל היום, אבל ביום אין האש נראה כי אם עשן. וכל הרואה יִפָּלֵא הפלא ופלא. ואותו העמוד של אש היוצא מאותה הפה של תוך ההר, עולה עד מ' אמה, ועב כל כך שחוט אחד של ו' אמות לא יסבב אותו".

למחרת, צום תשעה באב (נדחה) נכנסו לעיר מסינה והתקבלו בכבוד גדול, אם כי הוכנסו בהסגר - כמקובל לבאים מחוץ לארץ, להבטיח שאין הם נגועים במחלות מדבקות - ושהו בו שלושה ימים.

רבי אברהם ישמעאל סנגויניטי מציין, כי נוסעי ספינות הבאות מאיטליה אינם נדרשים להסגר ממושך ודי להם בשבעה ימים, אך הבאים ממרחק, ממזרח וממערב, נדרשים לששים או לשבעים יום "הכל לפי העיר ותחלואיה". איברא, רבנו וחבורתו ניצלו מהסגר של שבעה ימים, ודי היה להם בשלושה ימים. כאשר מסופר באגרת:

"ואנו כשהגענו למסינה שלחו אחרינו בספינה קטנה, והכניסו לבית אחד לפנים מבית אחר. ובאותו בית הפנימי יש שם שתי מעיינות מים וגפן אחד, ותחת הגפן היו שם ב' כומרים ואמרו לנו: 'מה אתם?' - כלומר: גויים או יהודים או אדום. אמרנו להם: 'יהודים אנחנו'. אמרו לנו: 'שבח לא-ל שראינו יהודים בעירנו' (דהיינו, שהביעו שמחתם על ששוב מתאפשרת כניסתם של יהודים לסיציליה). אמרו לנו: 'כמה נפשות אתם?'. אמרנו להם: 'ל', אנשים ונשים וטף'. אמרו לנו: 'הלואי הייתם שלשים אלף, כדי שתשבו בארצנו ותסחרוה וישבתם לבטח עליה ואין פוצה פה ומצפצף, אם תרצו לישא עליכם כלי נשק ותצאו בתוך העיר כמו דוכסים ושרים, הכל לפניכם. וּבְנו ערים ומגדלים, והארץ הנה רחבת ידים לפניכם שבו וסחורה והאחזו בה'. ובקשו באברינו, שמא ח"ו בר מינן יש שום אחד חולה או מוכה מן המגפה בר מינן, שכן מנהגם להכות אדם עצמו בידו תחת שחיו וכנגד בוקא דאסטמא מבפנים, ולא מצאו שום דבר. וחזרנו לספינה, לעשות שם הקווארנטינה (= ההסגר) ז' ימים. ויהי ביום השלישי, בא כתב אחד מן הדוכוס, שבשביל שיש יהודים בספינה, לא יעשו ז' ימים כי אם שלשה, וכל מי שירצה לקנות שום דבר מן העיר - יקנה. ומיד בא אדם א' שממונה על היהודים, להציל עשוק מיד עשקו, ואמר לנו: 'בואו אחי, בואו רֵעַי! הכנסו לעיר, והמחרף אתכם השיבוהו על חד תרי ולא תפחדו, שכן יש לי רשות מאת המלך. לכן, חזקו ואמצו, אל תיראו ואל תחפזו מפניהם'. מיד נכנסנו לעיר.

"והעיר בנויה בטוב, אבל הוא בנין קדמון. והעיר ממש כולה בנויה על מים, ובתוך העיר אין שוק שאין בו שתי מעינות מים. וכל מקח וממכר ופרקמטיא שלהם משי, שכולם יש להם בתים שעושים בהם בגדי משי ורקמות. ונשארנו בעיר י"ג ימים, ממש לאכול מפריה ולשבוע מטובה, כי לה נאה. וגם יש בתים שעדיין יש בהם מזוזה קבועה מן הזמן הקדמון, קודם שנתגרשו היהודים. וגם כן יש בהם מי ששונא היהודים בטבע, אבל מפני אימת המלכות אינם יכולים לדבר ומצטמקים ורע להם. ואף על פי כן, כשהם בתוך עם הארץ מדברים טוב על היהודים, לפי שכן גזר המלך שכלם ידברו טוב על היהודים, כי הם חִיּוּת של כל האומות. והרבה מהם אמרו, כי כל מקום שאין שם יהודים, נחשב לאפס ותוהו ונחשבים כעפרא דארעא. והם אומרים: 'הלא תראה ליוורני ואיטלייא ודומיהם, שיש בהם יהודים, כמה פרקמטיא יש וכמה מקח וממכר'. ברוך ה' שנתן את חן העם הזה בעיניהם. מה גדל טובו וחסדו עלינו, דאם לא כן לא היינו יכולים לחיות שה בין זאבים, טלה בין כפירים. וממש כל העיר עניים, ומי שיש לו מאה מטבעות של זהב - נקרא עשיר. והעיר יש בה לצד הים ז' פתחים גדולים. וכדי שלא להאריך, לא רציתי לכתוב פרטים אחרים".

בליל שישי אור לכ"ב במנחם אב תק"א יצאו רבנו וחבורתו בספינה, שהפליגה מנמל 'מסינה' בדרכה לאלכסנדריה של מצרים. בעת ששהו עדיין בתחומי הנמל התחוללה סערה גדולה, והרוחות העזות גרמו להתנגשות בין הספינה לספינה אחרת, ובנס נשברה רק הספינה השניה ואילו הספינה שרבנו שהה עליה שרדה. לאחר ששמעו את דברי רב החובל, כי נחלצו מסכנה גדולה שנשקפה להם, בירכו כל הנוסעים ברכת 'הגומל'. זמן ממושך ארכה ההפלגה מנמל מסינה ללב ים, ורק בצהרי יום שישי החל המסע. עשרה ימים נמשכה הנסיעה, וכמעט כל הימים היה מזג האויר נוח, זולת ביום שישי שסערו גלי הים.

כך מתוארת הסערה בלשונו הציורית של רבי אברהם ישמעאל סנגוינטי: "וביום ו' עמד רוח טוב, אבל היה חזק מאד מפרק הרים ומשבר סלעים, עד שרב החובל צוה לסגור כל הקלעים (- מפרשים) ולא נשארו כי אם שתי קלעים. והיינו הולכים, והים כולו רישי חיורי כדאיתא בגמרא (מובא בבבא בתרא עג. - "אמר רבה: אשתעו לי נחותי ימא, האי גלא דמטבע לספינה, מיתחזי כי צוציתא דנורא חיוורתא ברישא. ופירש רשב"ם: "צוציתא דנורא חיורתא - אש לבנה, ומלאך מזיק הוא".). והייתי רואה כמו שלהבת של אש בפרווא (- ראש הספינה) מרוב ההליכה שהיתה הולכת בטוב בלא קלעים ממש. ואף על פי שהייתה הספינה גדולה וגבוהה, היה המים נכנס בה מכל צד, ונתקיים בי (תהלים מב, ח) "כל משבריך וגליך עלי עברו", וממש שׂפתה היתה דבוקה למים. ושבח לא-ל, באתה השבת באה מנוחה, ביום ו' בכ"ג שעות ביום נח מעט הרוח החזק ההוא, והלכנו בטוב ליל שבת ויום שבת ויום ראשון. (שהסערה שקטה בשעה חמש אחר הצהרים, כי השעון האיטלקי מתחיל בשעה שש בערב, והשעה הכ"ג היא השעה חמש).

גם כניסתם לנמל אלכסנדריה, לא על מי מנוחות נעשתה, כאשר מתואר באגרת: "ויום ב' בערב ראינו אלכסנדרייא של מצרים, ונתיירא רב החובל ליכנס, להיות שלא היה בקי במוצאי העיר ומובאיה, ובהיות שהנמל יש בו אבנים גדולות ואינם ידועים כי אם ליודעם ומכירם, ופחד מן אלו האבנים שבנמל ליכנס בלילה. מה עשה, הוריד הקלעים כל אותה הלילה, וכל בני אדם שהיו בספינה יחוגו וינועו כשכור, לפי שהיתה נוטה לצד אחד הספינה ועושה רע ליושבים בתוכה. וכשהאיר היום, עשה קלעים והלכנו ליכנס לעיר, ובחצי יום נכנסנו לעיר".

### באלכסנדריה של מצרים

משעגנה הספינה בנמל אלכסנדריה וירדו רבנו ובני החבורה ונכנסו לעיר, יצאו לקראתם יהודים מהקהילה המקומית וקידמו פניהם בברכת שלום. כאשר שאלו את היהודים המקומיים לשלום העיר והקהילה, השיבו: "שבח לבורא עולם, שלום לעירנו מן הדבר ומן המגפה". כי באותם ימים השתוללו מגפות בארצות הסמוכות, ואף במצרים נגעה, אך באלכסנדריה לא פגעה. ביקש רבנו שיורו להם את הדרך לבית הכנסת, הוא היכל 'כנסת אליהו זכור לטוב', שהיה הגדול שבהיכלות התפילה באלכסנדריה.

רבי אברהם ישמעאל סנגויניטי מתאר את העיר ובית הכנסת במרכזה: "והעיר אין בה חומה דלתים ובריח, והעיר גדולה מהלך חצי יום. יש של בנין מפואר והוא ישן נושן, כבר אבד ונתרוצץ ונפלו לארץ, ובתים נאים ומשובחים ונפלו לארץ, ומגדולות גדולים. ומגדל אחד גדול וגבוה, אמרו אנשי העיר, שהוא מימי אלכסנדרוס מוקדון. וחוץ לעיר, מהלך שעה אחת, מצאנו עמוד אחד גבוה מאד קורים לו 'עץ פרעה'. אמרו, ששנים קדמוניות מצאו שם, תחת אותו עמוד, שתי צורות של נחושת שהיה עובד פרעה, והוא עומד על שפת הים.

וסמוך לאותו עמוד, מהלך נ' אמות, יש בית הכנסת גדולה הרבה, שמתפללים שם הרבה יהודים קהל גדול, קורים לה 'כנסת אליהו ז"ל', ויש בה כמה גנות ופרדסים. והיא מערה בתחתית הארץ, יש בה אור גדול, וכל מי שהוא בשום חולי ובא לשם לישן - מיד הוא מתרפא... ושמעתי, שזאת היא בית הכנסת של אלכסנדרייא שהביאו התוספות בגמרא דברכות (דף מז.) גבי 'כל העונה אמן יתומה', והקשו - והרי באלכסנדרייא של מצרים לרוב גודלה היו מניפים בסודרים. ובה הרבה זיתים ותמרים הרבה לאין קץ. וזו חוץ לעיר מהלך חצי שעה, ויש בה הרבה ספרי תורה, ושלשה שַׁמָּשִׁים שאין זזים משם יומם ולילה".

וישבו שם בני החבורה כל אותו יום, ונשאו תפילה לשלום ירושלים, בגין השמועה על המגפה המשתוללת בה. גם ביום שישי נכנסו לאותו בית כנסת, שם היה גם בית טבילה ("עמוקה מאד יותר ממאה אמה") וטבלו בו לכבוד שבת קודש ("ובודאי כל העושה טבילות שם, נוספת בו נשמה יתירה").

לא רצה רבנו להתעכב באלכסנדריה עדי יעבור זעם המגפה מירושלים, והודיע לבני החבורה, כי ממשיכים הם בדרכם, אך לא יסכנו עצמם בעלייה לירושלים, ובאופן זמני יסעו לצפת ושם יקבעו את בית מדרשם. אדהכי והכי, במהלך שבועיים ימים שהתעכב רבנו באלכסנדריה, התבשרו לטובה כי אמר ה' למלאך המשחית הרף ופסקה המגפה שבירושלים.

### אלוקים חשבה לטובה - עגינתם בעכו

קודם יציאתם, התעניינו רבנו ואנשי שלומו על הדרך הנאותה לירושלים, ואמרו להם כי ישכרו ספינה ליפו, מהלך שלושה ימים, ומיפו לירושלים אורכת הדרך יום ומחצה. שכרו ספינה וסיכמו עם רב החובל על כל פרטי המסע, ובלבם היו מונים את הימים והשעות החוצצים בינם לעיר הקודש ירושלים.

כאשר ראו שהדרך מתארכת וכבר חלפו שלושה ימים והם מונים את החמישי בימים, סברו לתומם, כי הטעו אותם האומרים שהדרך אורכת שלושה ימים בלבד. אך כמה רב היה צערם כאשר גילו, בהתקרבם ליבשה, כי לא חופה של יפו נשקף לעיניהם, אלא חוף העיר עכו. מעכו לירושלים לא היו שיירות מצויות, והדרך נעשתה דרך צפת, כאשר מעכו לצפת מהלך יום אחד ומצפת לירושלים חמשה ימים, בדרך קשה ומסוכנת.

ידע רבנו, כי בין הנוסעים היו נשים וילדים, שלא היו מסוגלים לשאת עוד תלאות במסעם. ואם לא די בכך, נאמר לרבנו, כי גם ההולכים נאלצים להעלות מס לשומרי דרכים המלסטמים בפקודת השלטון את כל החוצים את הארץ מצפון לדרום.

קמו נוסעי הספינה, רבנו וחבורתו, ועמדו בתוקף על רב החובל בתביעה שיקח אותם ליפו, אך הוא סירב ואמר כי אצה לו הדרך לשוב לאלכסנדריה. ניסו לשכנעו ואף הציעו לו תשלום נוסף, אך הוא השיב באותה מטבע ואמר: "אדרבה, אשלם אני לכם על שלא הבאתי אתכם למקום שרציתם", ותוך כדי דיבור הוציא את צרורו ומנה מאתיים מטבעות לידי רבנו. ראו שלא יצליחו לרכך את סירובו העיקש, ונכנסו לעכו בלב דואב על שרחקה מהם ירושלים עיר הקודש.

עד מהרה התחלפו התוגה והעצב בשמחה והודאה לבורא עולם. יהודי עכו שהקבילו פניהם במאור פנים, סחו לפי תומם: "שמא מן הנמלטים מירושלים אתם?". אז נודע להם, כי המגפה התפרצה והיא משתוללת במלוא עוזה בירושלים וביפו, ובכל יום רבים מתים.

"אלוקים חשבה לטובה", קראו זה לזה, ונתנו שבח ושירה לה' על כל הטוב אשר גמלם. אם לא די בכך, היטיב ה' לטובים והותיר בידיהם את המתת הנדיבה מרב החובל, ובכך היו יכולים לכלכל את ענייניהם ברווחה.

כי בעוד שבירושלים הכינו לעצמם מקום מגורים, בחצרו של המקובל רבי עמנואל חי ריקי זצ"ל - היו צריכים לסדר לעצמם אכסניה בעכו. כמו כן, לא תכננו לנסוע להשתטח על קברי צדיקים שבגליל, כי השיירות מירושלים לגליל לא היו מצויות. אך בהיותם בעכו, ניצלו את סמיכותה למקום מנוחתם של קדושי עליון וערכו כמה מסעות.

המשך התיאור מאותם הימים יבואו עלי גליון במדור זה

אלפים כבר נושעו
בזכות תרומתם למען ה'אור החיים' הקדוש
והפצת ספריו הקדושים
קְנֵה לעצמך זכות אצל האור החיים הקדוש
מוקד הישועות: 0733-713-620

# לערנען "אור החיים הקדוש" איז א סגולה אויף אריכות ימים

א מעשה נורא וואס הרה"ח ר' **מרדכי שרגא באומינגער** ז"ל (אן אור אייניקל פון הרה"ק רבי ישראל מהוסיאטין זצ"ל) האט דערציילט, צו זען ווי ווייט לערנען "אור החיים הקדוש" איז בכח משפיע צו זיין אריכות ימים ושנים טובות, וכך היה מעשה:

איין טאג ווען ר' מרדכי שרגא האט זיך געפונען ביים זיידן - דער הוסיאטינער רבי, האט ער באמערקט ווי אן אומבאקאנטער איד זיצט דארט אין בית המדרש פארזינקען אין א ספר און לערנט מיט גרויס התמדה. ער איז געווען נייגעריג צו וויסן ווער דער איד איז, און אין וועלכע ספר ער איז עוסק, איז ער צוגעגאנגען נענטער און געזען אז דער איד לערנט פלייסיג "אור החיים הקדוש".

ס'איז דאך נישט מעשים בכל יום אז א גאסט זאל אריינפאלן צו זיי אין בית המדרש צו לערנען א שטיקל אור החיים הקדוש, און נאכדערצו מיט אזא התלהבות. איז ר' מרדכי שרגא צוגעגאנגען צום גאסט און זיך פארגעשטעלט פאר אים אז ער איז אן אייניקל פונעם רבי'ן, פרעגנדיג: "פון וואנען איז א איד? און אויף וואס זענט איר אהער געקומען?"

דער גאסט האט אים העפליך צוריק געגריסט, און גערן מיטגעטיילט מיט ר' מרדכי שרגא זיין הייסע קשר סיי צו דעם פלאץ וואו ער געפונט זיך יעצט און סיי צום אור החיים הקדוש, ווען ר' מרדכי שרגא שטייט ערשטוינט פון די שוידערליכע געשיכטע וואס יענער האט אים מיטגעטיילט.

און אזוי דערציילט דער איד: ביי מיינע עלטערן אינדערהיים - אין אוקראינע - האב איך אביסל געהערט אויף צדיקים. צווישן אלע, אויך אויף די געהויבענע צדיקים לבית רוז'ין - פון סאדיגורא טשארטקוב און הוסיאטין. למעשה האב איך אבער קיין סאך יראת שמים נישט געגאשט דארט אין די פארפרוירענע אוקראינע, און וויפיל די סיפורי צדיקים האבן אנגעצונדן א פונק ביי מיר אין הארץ, האט דאס נישט געהאלטן אויף צו לאנג.

מיט די צייט האב איך מיר געגצליך אפגעריסן פונעם דרך התורה והמצוות. אלס בחור האב איך מיר באקענט מיט א גרופע יונגען, מיט וועלכע איך האב מיר אנגעשלאסן אין א "מועדון חלוצים" - פון אזעלכע נשמות נידחות וואס האבן מיט ברען און אייפער געפאמפעט איבער "ישוב ארץ ישראל" טרעטנדיג דערביי אויף יעדע זיק פון תורה און פון אידישקייט מיט האס און שפאט.

א צייט שפעטער בין איך געפארן קיין ארץ ישראל, ווען צו מיין גליק איז נישטא קיין פארגלייך; ענדליך ווערט פארווירקליכט מיין אזוי ערווארטעטע חלום צו וואוינען אין "די נייע לאנד" וואו איך וועל קענען אפברענגען א פרייע לעבן אן קיין שטערונגען ה"י. צו מיין באדויער אבער, אנקומענדיג קיין ארץ ישראל האבן מיר מיינע חברים פארלאזט, און איך בין געבליבן איינער אליין ספראוועדיג מיט די טרדות החיים, אין שאטן פון יענע תקופה אין וועלכע מ'האט געדארפט ביטער שוויצן אויף א שטיקל ברויט.

וויפיל איך האב נישט געוואלט דעמאלט געדענקען פון מיין אידישקייט, האט אונזער געטרייער פאטער אין הימל - דער מקבץ נדחי ישראל - געהיטן אויף מיין נשמה, און ערגעצוואו האב איך מיר איין טאג געטראפן זיצן אין א בית המדרש וואו איך האב דארט קובע געווען מיין מקום תפילה, און אזוי בין איך שטייטלעך צוריק נתקרב געווארן צו די הייליגע שרשי האבות. נאכ'ן זיך מחזק זיין אין שמירת שבת, האב איך באשלאסן קובע צו זיין עתים לתורה, און טאג טעגליך האב איך מיר געזעצט לערנען א שיעור תורה אין בית המדרש, פון וועלכע איך האב געשעפט א געוואלד חיות און זיך ממש דערקוויקט די נשמה.

איין טאג האט זיך מיר ערוועקט אין מיין זכרון א בילד פון די ווייטע פארגאנגענהייט וויאזוי מיין טאטע זיצט און לערנט "אור החיים הקדוש"... ס'האט מיר שטארק איבערגענומען, און איך האב דעמאלט באשלאסן צו צולייגן צו מיין סדר היום אויך - **א שיעור אין אור החיים הקדוש!**

און - צוויי וואכן צוריק האט דאס פאסירט...

איין נאכט ליגנדיג אין בעט, הייב איך מיטאמאל אן צו שפירן ווי ס'דרוקט מיט שרעקליך ביים הארץ, און מיין אטעם ווערט שווערער און שווערער. איך האב נישט געהאט די געלעגנהייט צו כאפן וואס גייט פאר, ווען געציילטע מינוטן דערויף האט מיין הארץ זיך אפגעשטעלט פון קלאפן...

אין יענע רגע האב איך געפילט ווי איך זינק איין אין א געדיכטע פינסטערניש. איך האב געפילט ווי איך הייב אן צו פליען אין די פינסטערניש דורך אן לאנגער טונעל וואס מ'זעט נישט קיין סוף פאר די אויגן. א לענגערע צייט בין איך אזוי געפלויגן, ביז איך טרעף זיך מיטאמאל שטיין אויף א ריזיגן ליידיגן שטח וואס איז באדעקט מיט א העלישע לעכטיגקייט, אזוינס וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געזען.

פלוצלינג זע איך וויאזוי מיין טאטע און מאמע און נאך אנדערע משפחה קרובים הייבן מיר אן אקעגן צו קומען און זיי באגריסן מיר מיט א ווארעמע קבלת פנים. איך האב נאכנישט עספיעט צו זיך צו קומען פון די מורא'דיגע מחזה, ווען פלוצלינג קומען אן צוויי געשטאלטן, זיי כאפן מיר פעסט אן פון ביידע זייטן, און טראגן מיר אריין אין א ריזיגע זאל.

דארט אינמיטן זאל איז געשטאנען א טיש, ביי וועלכע צוויי אידן מיט א זעלטענע הדרת פנים זענען געזיצן און געווארט. דעמאלט האב איך געכאפט אז מ'האט מיר געברענגט פאר'ן בית דין של מעלה, און די צוויי אידן ביים טיש זענען די דיינים, מסתמא ווארטן זיי אז דער "אב בית דין" זאל אריינקומען און דאן וועט מען אנהייבן מיין משפט. איך בין געשטאנען געפרוירן צום ארט, מיט אזא מין פחד וואס איז נישט שייך פארצושטעלן.

נאך א קורצע ווײלע איז אנגעקומען דער דריטער דיין וואס זיין פנים האט געלויכטן ווי דער זון אינמיטן טאג. איך האב געפילט ממש אז איך גיי אויס פאר שרעק. יעצט גייען זיכער אנהייבן דא צו קומען פון אלע זייטן מקטרגים מיט מליצי יושר... ווער ווייסט וואס דער סוף גייט זיין, און וויאזוי מ'גייט שניידן מיין גורל.

אבער ניין. קיין מלאך באווייזט זיך נישט אויפן הארויזאנט. ווי נאר דער "אב בית דין" האט זיך געזעצט אויפ'ן פלאץ, האט ער גלייך געגעבן א פרעג: "איז שוין געקומען זיין צייט צו פארלאזן דער וועלט? פארוואס זאל מען אים נישט לאזן בלייבן ביים לעבן? ער לערנט דאך בקביעות "אור החיים הקדוש", לאמיר אים געבן די געלעגנהייט ממשיך צו זיין מיט דעם הייליגן לימוד!"

*אנטשולדיגט, די מעשה איז נאך לאנג און ס'איז נישט מעגליך צו שרייבן די גאנצע אויף איינמאל, ביטע ווארטן אויף קומענדיגע וואך פאר המשך.*

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוי ווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com